שנה ג׳
נומער קכ״ו
**פרשת בהר**
תשפ״ב

# קרית ברסלב בלעטל




## דער ראש ישיבה שפאצירט מיט די קינדער

### פון תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב - מאנטאג אמור תשפ״ב



עצתו אמונה פארברענג אין היכל הקודש קרית יואל דינסטאג אמור תשפ״ב

שטעטל נייעס:
**גענעראל פארזאמלונג אין שטעטל בקרוב אי״ה**

בילדער אפטיילונג:
**בית הדפוס ביים אריבער פירן אלע מאשינען צום נייעם בנין.**

# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**
845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM


## בריוו
צו דער רעדאקציע

## בילד פון די שחיטה

לכבוד הקרית ברסלב בלעטל.

צוויי וואכן צוריק איז געשטאנען די נייעס וועגן די פארשריט פונעם שחיטה אין שטעטל.

אויבן איז געווען א בילד ווי מען זעהט די חשובע שוחטים שחט'ן אין עפעס א זוממער טאג, און די קינדער שטייען ארום.

עס וואלט געווען אינטערסאנט צו וויסן ווען און וואו דאס איז געווען.

א גרויסן יישר כח פאר אייער ארבעט יעדן איינציגן וואך.



רעדאקציע: דאס איז געווען צוויי יאר צוריק זוממער שנת תש"פ אין קרית ברסלב ליבערטי.

דער חשובער מנהל המוסד מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א האט געהאט עופות, און ער האט אריבערגערופן דעם שוחט פון קרית יואל הרב הערשל ווייס שליט"א זאל שחט'ן די עופות, די קינדער מיט די שוחטים זענען געקומען מיטהאלטן אלע דעטאלן פון שחט'ן א עוף כהלכה.

## זמנים Liberty

פרשת בהר כ' אייר תשפ"ב

הדלקת הנרות ......... 07:58
מוצאי שבת ........... 09:30
מנחה מעריב בחוקותי...9:00

דאנערשטאג מנחה 08:45. מעריב נאכ'ן שיעור






## וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 20 | 74°/61° | AM Showers |
| Sat 21 | 83°/55° | PM Thunderstorms |
| Sun 22 | 67°/45° | Partly Cloudy |
| Mon 23 | 65°/46° | Partly Cloudy |
| Tue 24 | 63°/48° | Partly Cloudy |
| Wed 25 | 68°/54° | Showers |
| Thu 26 | 70°/54° | Scattered Thunderstorms |
| Fri 27 | 68°/53° | Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

# שטעטל נייעס

## גענעראל פארזאמלונג אין שטעטל



שוין א לאנגע צייט וואס עס קומט כסדר פאר מיטינגען אינערהאלב די הנהלה וואס דער ראש ישיבה שליט״א האט ממנה געווען, בנוגע אלע פארשריטן אין די קהילה בכלל און בפרטיות די לעצטע פיר יאר אינעם שטעטל, פון וואס עס איז שוין ארויסגעקומען גאר אסאך גוטע זאכן פאר די הצלחה פון די קהילה.

אנגעהויבן האט זיך עס זעקס יאר צוריק אין יאר תשע״ו, ווען דער ראש ישיבה האט געשריבן א בריוו בנוגע עפענען א הנהלה, מיר ציטירן דא א חלק פונעם בריוו.

*בעזרת השם יתברך - יום ג׳ פרשת בהעלותך, ט״ז סיון, שנת תשע״ו לפ״ק*

*לכבוד מיין טייערע ... נרו יאיר*

*באמת האב איך שוין געוואלט האבן די הנהלה ווינטער תשע״ו, אבער עס האט זיך נישט אויס געארבעט און צוליב כמה סיבות האב איך ענק געבעטן אז מען זאל עס אפשטעלן. אבער איך האב נישט געטוישט מיין מיינונג און איך וויל האבן א הנהלה, איך וויל די פאר יונגעלייט זאלן מיר העלפן:*

*האברך העניך אינדיג נרו יאיר*

*האברך מרדכי אהרן היילפרין נרו יאיר*

*האברך אפרים פרוממער נרו יאיר*

*און איך וויל צו לייגן נאך א יונגערמאן האברך שבתי מזרחי נרו יאיר.*

*איך בעט ענק זייער שטארק איר זאלט אכטונג געבן אויף יעדן איינעמ׳ס כבוד און קיינעם נישט פארשעמען, און יעדע זאך וואס ווערט גערעדט צווישן אייך איז פריוואט און קיינער טאר נישט מיטהאלטן ענקערע מיטינגען.*

*א גוטן טאג.*

שפעטער האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט נאך א הנהלה מעמבער האברך מנחם שטיינבערג הי״ו.

פון דעמאלטס איז שוין אריבער גאר אסאך זאכן, און גאר אסאך ענינים איז שוין זייט דעמאלס געווארן אויסגעשמועסט ביי די הנהלה מיטינגען, און ברוך השם מסודר געווארן על צד היותר טוב.

מיט די צייט האט דער ראש ישיבה געבעטן די הנהלה מען זאל זעהן צו אריינגעמען אינעם בילד אלע משפחות אנשי שלומינו, כדי זיי זאלן אויך מיטהאלטן וואס מען האט אלס אויפגעטוהן און וועלכע זאכן זענען מסודר געווארן, און אזוי אויך אלע פארשריטן וואס טוט זיך אינטער די קוליסן.

צוליב דעם האט דער ראש ישיבה שליט״א געבעטן די הנהלה מען זאל אהערשטעלן א "גענעראל פארזאמלונג" וואס דארט וועט אם ירצה השם ווערן אויסגעשמועסט די פרטים וואס מען טוט אלס אויף, און אזוי אויך די ווייטערדיגע פלענער.

אויב איינער וועט האבן א שאלה וואס ער וועט וועלן אז דאס זאל ווערן אויסגעשמועסט ביים פארזאמלונג וועט זיך קענען מעלדן צו די הנהלה מעמבערס, און מען וועט דאס בעזר השם אויסשמועסן ביים פארזאמלונג.

אין די קומענדיגע פאר וואכן וועט מען מיטן אייבערשטן׳ס הילף מעלדן ווייטערדיגע פלענער ווען עס וועט זיין די ערשטע זיצונג, ובחפץ ד׳ בידינו יצליח.

# שטעטל נייעס

## ראש ישיבה שליט"א באזוכט אין שטעטל



זונטאג און מאנטאג פרשת אמור האט מען געהאט די זכיה צו האבן דעם ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל.

זונטאג ביינאכט האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט א הערליכע דף גמרא (יבמות סג.) געפלאכטן מיט שיינע עצות און הדרכות וויאזוי צו לעבן מיט א ווייב אויף די וועג פון די הייליגע תורה.

דער ראש ישיבה האט אויסגעשמועסט דאס וואס די גמרא פארציילט אז דער גרויסער רבי חייא, וואס האט געמאכט תוספתא און ער האט געהאלטן ביים ברענגען משיח - האט זיך אויסגעדרוקט אויף זיין ווייב וואס האט אים מצער געווען: "עס איז גענוג אז מיין ווייב איז מגדל די קינדער און זי ראטעוועט מיר פון עבירות!" ווי גרויס רבי חייא איז געווען האט ער אבער געדארפט האבן זיין ווייב זאל אים ראטעווען פון עבירות, כל שכן אונז פשוטע מענטשן דארפן זעהן צו מכבד זיין די ווייב און איר שעצן פאר אלעס וואס זי טוט.

דערנאך איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צום וואכטנאכט ביי המלמד מו"ה יוסף שניטצלער הי"ו. דער ראש ישיבה שליט"א איז איבערגעשלאפן אין שטעטל.

אינדערפרי נאכן ערשטן מנין 7:00 איז פארגעקומען די ברית, דער ראש ישיבה איז מכובד געווארן מיט סנדקאות, עס איז געווען אינטערסאנט צו זעהן ווי אנשי שלומינו נוצן אויס די הייליגע צייט ביי א ברית [וואס ווי באקאנט קומט אליהו הנביא צו יעדע ברית] און זיי רעדן צום אייבערשטן ביים ברית שטילערהייט מיט צוגעמאכטע אויגן, און בעטן זיך גוט אויס אלעס וואס מען דארף.

פאר'ן ברית איז פארגעקומען א שיינע שמועס מיט'ן מוהל מו"ה אהרן ווייס שליט"א און דער ראש ישיבה שליט"א, צוזאמען מיט'ן דיין שליט"א און די חשובע שוחטים, ווי מען איז אדורך וויכטיגע פרטים בנוגע שחיטה און אלעס ארום.

גלייך נאכן ברית איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבער צו די אפיס פון קרית ברסלב בלעטל, ווי דער ראש ישיבה האט דארט געכאפט א שמועס מיט ר' אברהם הערש וועבערמאן הי"ו רעדאקטאר פונעם "בלעטל", און אדורך געגאנגען וויכטיגע פרטים וויאזוי צו מאכן שענער און בעסער דעם קרית ברסלב בלעטל, וואס קומט ארויס אזוי שיין און הערליך יעדן איינציגע וואך, דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבער צום אפיס פון ר' שבתי מזרחי הי"ו און ר' מנחם שטיינבערג הי"ו פון די "פעסט בילד" פירמע, ווי עס איז געווארן אויסגעשמועסט פארשידענע איינצעלהייטן וויאזוי ווייטער צו בויען נאך הייזער אין שטעטל, וועלכע סארט הייזער עס פעלט אויס, און וואס מען זאל אלס אריינלייגן אין א הויז בשעת'ן בויען, און אזוי ווייטער.

פון דארט איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבער געפארן צו די הייליגע מוסדות אין שטעטל, און געגעבן א שיעור פאר די חשובע תלמודים, און אזוי אויך א שמועס פאר די חשובע מחנכים וואס געבן זיך אפ אזוי געטריי מיט די קינדער במסירות נפש ממש (מען קען הערן דעם שיעור אויף קול ברסלב ביי די מלמדים שטיבל אפטיילונג).

ביים סוף האט דער ראש ישיבה שליט"א גענומען די קינדער אויף א שיינעם שפאציר, און געוויזן פאר זיי דעם נייעם בנין וואס מען האט אפגעקויפט פאר די מוסדות. דער ראש ישיבה האט געשמועסט מיט זיי גאר געשמאק, פון וואס די קינדער האבן ממש אויפגעלעבט.

פון דארט איז דער ראש ישיבה שליט"א אהיימגעפארן מיט ר' אהרן פיש הי"ו, אויפ'ן וועג איז מען אדורך געגאנגען וויכטיגע פרטים וויאזוי צו פירן דעם קומענדיגן יערליכן קהילה קאמפיין וואס קומט פאר יעדעס יאר נאך שבועות.

דער באזוך האט אריינגעבלאזן א פרישע חיות פאר אלע איינוואוינער פון שטעטל, און פאר אלע קינדער אינעם מוסד.

# היכל הקודש
# נייעס

קרית יואל

## עצתו אמונה פארברענג אין בית המדרש היכל הקודש קרית יואל



דעם פארגאנגענעם דינסטאג נאכט פרשת אמור איז פארגעקומען א הערליכער "עצתו אמונה פארברענגע" פון אנשי שלומינו אין קרית יואל. א שיינער ציבור איז זיך צוזאם געקומען אין בית המדרש היכל הקודש אויף העיס קט. ווי דער גבאי מו"ה יואל פארקאש שליט"א האט אריינגעפירט דעם פארברענגע מיט פארלערנען א שיעור אין ספר "פעולת הצדיק", ווי מ'האט אנגעהויבן פון די הקדמה. דערנאך האט מען פארגעליינט א בריוו פון מוהרא"ש זי"ע אין "אשר בנחל", און א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין "עצתו אמונה" וואס האט זייער מחזק און מחיה געווען אלע באטייליגטע.

דערנאך איז געווען געשמאקע שיחות חברים, מען האט געשמועסט און פארציילט פארשידענע שיינע מעשיות פון אנשי שלומינו, וויאזוי מען דערהאלט זיך מיט'ן רבינ'ס עצות, און ווי מען בעט דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך און דער אייבערשטער העלפט. אזוי אויך האט מען געהערט שיינע עפיזאדן פון הפצה - מען זאל נישט האלטן פאר זיך דעם סוד פון די גוטע לעבן וואס דער רבי' געבט אונז, נאר ארום גיין מפיץ זיין די הייליגע ספרים און דרשות.

מען האט געהערט שיינע מעשיות פון די מפיצים ווי אזוי מען הערט צוריק ווי מען ראטעוועט אידן וואס האבן זיך געדראפעט אויף די גראדע ווענט, און א דאנק הפצה האבן זיי געטראפן דעם צדיק וואס האט געראטעוועט דעם מצב, און צוריק געשטעלט אידישע שטובער.

דער פארברענג איז ברוך השם געווען מיט גרויס הצלחה, און אויפן פארלאנג פון די פארזאמעלטע איז באשלאסן געווארן אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען אנהאלטן דעם "עצתו אמונה" פארברענג יעדע וואך, מען וועט זיך צוזאם קומען אין קרית יואל אינעם בית המדרש היכל הקודש אויף העיס קט. יעדע דינסטאג נאכט אום 8:45 ווי מען וועט פארברענגען און זיך מחזק זיין מיטן רבינ'ס דיבורים, ביז 9:45 ווען מען וועט דאווענען מעריב.

מירון

## אנשי שלומינו אין מירון ל"ג בעומר

א גרויסער עולם פון אנשי שלומינו זענען געפארן קיין מירון צו התנא אלוקי רבי שמעון, צום יומא דהילולא ל"ג בעומר, זיך אויסבעטן אלעס גוטס פאר זיך און פאר גאנץ כלל ישראל.

אויך דער ראש ישיבה איז אפגעפלויגן קיין ארץ ישראל צו וויילן אין מירון פאר אפאר טעג ביז נאך שבת. דער ראש ישיבה האט געזאגט מוצאי שבת אמור נאכן פארלערנען דעם דף גמרא, אז ער איז זייער פרייליך צו פארן קיין מירון אויף ל"ג בעומר, דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט: "שוין פון אלס קליין קינד פאר איך ל"ג בעומר קיין מירון, נאר ווען עס איז געווען צייטן וואס איך האב נישט געקענט פארן, בין איך געבליבן דא".

אויך פלעגט מוהרא"ש זכותו יגן עלינו פארן קיין ארץ ישראל ל"ג בעומר, מוהרא"ש פלעגט זאגן אז ל"ג בעומר טיילט רבי שמעון מתנות פאר אלע וואס קומען צו אים אין דעם הייליגן טאג.

מוהרא"ש פלעגט אלץ צולייגן אז אפילו די וואס קענען נישט אנקומען קיין מירון קענען זיך אויך מקשר זיין צו רבי שמעון, דורך דעם וואס מען לערנט זיין ספר זוהר הקדוש, און דאס קען מען טוהן ווי אימער מען איז איבער די וועלט.

דאס יאר האבן די ערב רב אנגעצייכעט א מהפכה אין מירון, און נאר געזוכט צו שטערן דעם גרויסן טאג ל"ג בעומר, וואס איז אלעמאל געווען גאר א פרייליכער טאג ביי אידישע קינדער בכלל און ביי די אידן אין ארץ ישראל בפרט. ווי דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט, אז די ערב רב האבן קיינמאל נישט ליב געהאט מירון, און יעצט נאך די טראגעדיע פון פאריאר ווען עס איז לא עלינו אוועק פינף און פערציג אידישע קינדער, האבן זיי זיך צוגעכאפט צו דעם, און איבערגענומען דעם גאנצן פארקער פון מירון, אבער מיר אידישע קינדער וועלן נישט קוקן אויף דעם, נאר מען וועט ווייטער קומען מתפלל זיי ביי רבי שמעון א גאנץ יאר און בפרט ביי דעם טאג פונעם יום ההילולא.



# "מעשיות פון תפילה"

## מרדכי לייב טירנויער - קרית יואל:

שוין א לאנגע צייט וואס איך בעט דעם אייבערשטן איך זאל האבן לייסענס צו דרייוון א קאר, ביים ערשטן מאל בין איך אדורך געפאלן, איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן "אייבערשטער העלף מיר אז דעם קומענדיגן מאל זאל איך נישט אדורך פאלן, און אז איך וועל האבן לייסענס וועל איך קענען מאכן מער הפצה".

שכח אייבערשטער אז דעם קומענדיגן מאל וואס איך בין אראפ געפארן מאכן דעם ראוד טעסט, איז עס ברוך השם אדורך א מחיה אן קיין פראבלעמען, שכח אייבערשטער.

## שלום פאללמאן - קרית ברסלב:

דעם פאראגאנגענעם חול המועד בין ארויסגעפארן מיט מיין משפחה קיין מאנסי באזוכן די עלטערן. אינמיטן פארן האט זיך אנגעצינדן די לעמפל אין קאר וואס ווייזט אז די גאז האלט זיך ביים אויסנוצן. איך בין געווען יום טוב'דיג און מיין טאש איז געווען לער, איך האב נישט געהאט קיין אהנונג פון וואו איך וועל נעמען געלט פאר גאז.

א ברסלב'ער חסיד איז אבער קיינמאל נישט פארלוירן ווייל דער רא ישיבה דערמאנט אונז כסדר אז וואס מען דארף קען מען און מען דארף בעטן דעם אייבערשטן. אזוי האב איך געטון איך האב געבעטן "הייליגער באשעפער, איך דארף האבן געלט פאר גאז צו קענען גיין באזוכן מיינע עלטערן אבער איך האב נישט פון וואו, העלף מיר און שיק מיר געלט".

איך בין געווען נעבן קרית יואל האב איך געטראכט אז איך וועל גיין דאווענען מנחה און אפשר דארט וועט מיר געלונגען צו שאפן אפאר דאלער. אזוי אריינגייענדיג אין שול הער איך איינער רופט מיין נאמען, איך דריי זיך אויס און איך זע א מענטש וואס איך קען נישט און ער רופט מיך, ער זאגט מיר אז ער קען מיך.

איך האב געשמועסט מיט אים פאר'ן אוועקגיין פרעג איך אים צו ער האט אפשר אפאר דאלער פאר גאז ווייל איך האב גארנישט ביי מיר, זאגט ער מיר אוודאי, הארצן גערן, ער האט מיר געגעבן פונקט גענוג פאר וויפיל גאז איך האב געדארפט האבן צו אנקומען קיין מאנסי און צוריק אהיים.

שכח אייבערשטער פאר די שיינע מעשה פון תפילה.

## אברהם משה שטראססער - קרית ברסלב:

מיין פוד פראסעסער האט אויפגעהערט צו ארבעטן אפאר וואכן פאר פסח, א נייע קאסט בערך 300 דאלער און שיקן צו פאררעכטן איז א גאנצע געשעפט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל צוריק אנהייבן ארבעטן.

עס גייט נישט דורך א קורצע צייט - שבת נאך פסח, מיר ווילן מאכן די שליסל חלה, מיין ווייב נעמט ארויס די קנעט מאשין און עס ארבעט נישט, מיר האבן זיך געמוטשעט און געקנעטן מיט די הענט. אזוי האבן מיר געהאט צוויי מאשינען וואס האבן אויפגעהערט ארבעטן.

פלוצלינג באמערקט מיין זוהן אז עס איז דא קליינע שטיקל וואס פעלט וואס דאס איז א שטיקל וואס דריקט אריין א קנעפל און אזוי ארום ארבעט עס, ער האט אויפגעזוכט און געדריקט די קנעפל זעלבסט און די מאשין האט אנגעהויבן ארבעטן.

אזוי ווי מיר האבן געזען אז דער אייבערשטער האט געהערט אונזערע תפילות, האבן מיר ווייטער געבעטן פאר די אנדערע מאשין, מיר האבן עס שוין נישט געהאט ארויגענומען פאר א חודש אדער צוויי אבער מיר האבן עס ארויסגענומען נאכאמאל מיט א געבעט צום אייבערשטן אז די מאשין זאל זיך אויפוועקן, און פלאי פלאים מיר האבן באמערקט אז יא! עס פעלט א קליין שטיקל וואס דארף ארינדריקן א קנעפל וואס מאכט די מאשין ארבעטן.

ברוך השם אז מיר האבן זיך געשפארט צייט כח עגמת נפש מיט די הייליגע עצה פון רבי'ן.

סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ו אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין סִיוּם מִשְׁנָיוֹת צוּם זִיבֶּעצִיגְסְטְן מָאל! דוּ הָאסְט מִיר מְחַיֶּ' גְעוֶוען. וֶוען אִיךְ הָאבּ גְעהֶערְט פוּן דַיין סִיוּם הָאט דָאס מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּ' גְעוֶוען.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר נָאךְ מֶענְטְשְׁן. וֶוען דוּ רֶעדְסְט שַׁבָּת בַּיי סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת זָאלְסְטוּ רֶעדְן פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

**נֶעם דִיר פַאר אַ בֵּיישְׁפִּיל** צוּ זֶען וָואס פַּאסִירְט אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן; דוּ בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אִין קֶעמְפּ קַיִץ תשס"ט לִפְרָט קָטָן פַאר אַ שַׁבָּת, שֶׁלֹּא בְּכַוָּנָה צוּ נֶעמֶען פוּן רֶבִּי'ן. הָאסְט פָּשׁוּט נִישְׁט גְעהַאט וואוּ צוּ זַיין שַׁבָּת וֶוען דַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִיז גְעוֶוען מְנַהֵל אִין מֵיידְל קֶעמְפּ, בִּיסְטוּ גְעקוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת צוּ דַיין בְּרוּדֶער. אוּן **פוּן אֵיין דְרָשָׁה הָאסְטוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אוּן לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים**, אַ חַיִּים נִצְחִיִּים, אַ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאלְסְטוּ שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען, וִוי אֵיין שִׁיעוּר, אֵיין דְרָשָׁה, אֵיין שְׁמוּעֶס קֶען טוֹישְׁן דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר וֶוער עֶס קוּמְט צוּם גְמָרָא שִׁיעוּר; **עֶס גֵייט מִיר מַמָּשׁ בְּנַפְשִׁי אַז מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

* * *

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר, ט"ז אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן**

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ גֵייסְט יֶעצְט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס; **דָאס מֵיינְט רַייךְ, דָאס אִיז וָואס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.**

בְּנוֹגֵעַ וואוּ צוּ מַאכְן דֶעם סִיּוּם הַשַּׁ"ס; מַאךְ עֶס פַאר דִיר פְּרִיוַואט אִין שְׁטוּבּ צוּזַאמֶען מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אוּן דַיינֶע קִינְדֶער, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס דָאס צוּ מַאכְן אִין יְשִׁיבָה. פַאר דִי בָּחוּרִים מַאךְ אִיךְ אַ סִיּוּם אִין יְשִׁיבָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט.): "**אָמַר אַבַּיֵי, תֵּיתֵי לִי דְּכִי חֲזֵינָא צוּרְבָּא מֵרַבָּנָן דְּשַׁלִּים מַסֶּכְתֵּיהּ עֲבִידְנָא יוֹמָא טָבָא לְרַבָּנָן**", אַבַּיֵי וָואס אִיז גְעוֶוען אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ זֶע אַ בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה וָואס עֶנְדִיגְט אַ מַסֶּכְתָּא מַאךְ אִיךְ אַ יוֹם טוֹב אִין יְשִׁיבָה פַאר אַלֶע בָּחוּרִים"; אַרַיינְצוּגֶעבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין אַלֶע בָּחוּרִים.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נֵס אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, **זָאלְסְטוּ מַאכְן פַאר דִיר אַ שֵׁיינֶע סִיּוּם.**

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן צִי דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ אִין "**הַפָּצָה**"; יֶעדֶע וָואךְ לֵיל שִׁישִׁי נָאכְ'ן שִׁיעוּר זָאלְסְטוּ אַהֵיימְנֶעמֶען "**גִּלְיוֹנוֹת**" אוּן דָאס אוֹיסְלֵייגְן אִין שׁוּלְ'ן עֶרֶב שַׁבָּת. אוֹיךְ קֶענְסְטוּ דָאס לֵייגְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ, וַוייל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי דוּרְשְׁטְרִיג פַאר אַבִּיסְל חִיזּוּק, עֶס אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶּה צִי עֶס אִיז אַ גִלְיוֹן פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה אָדֶער פוּן אַ פְרִיעֶרְדִיגֶע פַּרְשָׁה.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין

**לִכְבוֹד יוֹם טוֹב שְׁבוּעוֹת הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה בְּרֶענְגְן מִיר אַרָאפּ אַ שִׂיחָה בְּנוֹגֵעַ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין.**

**אֵיינְמָאל אִין אַ שְׁמוּעֶס הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:** אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן אַ פְּרִיוַואטֶע שְׁאֵלָה: "הָאסְטוּ שׁוֹין הַיינְט גֶעעֶפֶנְט אַ אִידִישׁ סֵפֶר?" דוּ גֵייסְט אוּן דוּ קוּמְסְט, דוּ בִּיסְט פַארְנוּמֶען מִיט אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט, אַלֶעס וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט דִיר, פְרֶעג אִיךְ דִיר: "הָאסְט שׁוֹין הַיינְט גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י?"

פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (בְּרָכוֹת ח.): "**לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִים לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו**", וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ הָאט אֲרִיכוּת יָמִים; אִין שׁוּלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפה, סְעִיף ג): "**מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר**", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, בְּרֶענְגְט דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה אַרָאפּ (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח) פוּנֶעם הֵיילִיגְן ווִילְנֶער גָאוֹן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל. זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אִיז אַנְשְׁטָאט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט יֶענֶעמְ'ס לֶעבְּן וְכוּ' פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן דִיר? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט טוּן עֶפֶּעס פַאר דַיין נִצְחִיּוּת? אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ אוֹיפְן טָאג פוּן דִי וָואךְ, דֶעמָאלְט הָאט מֶען עֶפֶּעס מִיט וָואס צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "**וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיצְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִין דִי הֵיכָל פוּן רַשִׁ"י**", אַזוֹי אוֹיךְ שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָסְ'ל קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז **לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדֶע וָואךְ אִיז מְסוּגָל צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה.**

מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשָּׂשכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, **אַז אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז אִין דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן.**

# א מעשה
## פון א צדיק



### דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֶמֶת

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעשֶׁעמְט אוֹיסְצוּזָאגְן דֶעם אֱמֶת, אַז עֶר הָאט אַ תַּאֲוָה צוּ זַיין אַ מַנְהִיג. הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען בֶּענְטְשְׁן קַיין אֵיין בֶּענְטְשְׁן עֶרְלִיךְ פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דוּ וֶועסְט אִינְזִינֶען הָאבְּן צוּ מַאכְן פַארְשִׁידֶענֶע פַאקְסְן אוּן תְּנוּעוֹת כְּדֵי אַלֶע זָאלְן קוּקְן, אוּן עֶס זָאל זֵיי גֶעפֶעלְן, אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען טוּהְן קַיין שׁוּם עֲבוֹדָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן מ"ז).

דִי סֵדֶר בַּיי דִי רוּסִישֶׁע רֶבִּי'ס אִיז גֶעוֶוען, אַז זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַן עֶקְסְטֶערֶע צִימֶער לֶעבְּן דָאס בֵּית הַמִדְרָשׁ, וָואס דָארְט הָאבְּן זֵיי גֶעדַאוֶוענְט. הָאט מֶען אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ רֶבִּי וָואס הָאט אַזוֹי גֶעדַאוֶוענְט אִין זַיין צִימֶערְל, אוּן אַ קַאץ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ גֶערִיבְּן בַּיי דִי טִיר, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט אַז חֲסִידִים שְׁטוּפְּן זִיךְ, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען דַאוֶוענֶען מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע כַּוָונָה אוּן מִיט פַאקְסְן. הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַ שְׁמֵייכְל גֶעגֶעבְּן, אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: אַזוֹי! קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט פַארְן קַאץ (עַיֵין אֲבָנֶיהָ בַּרְזֶל סִימָן יג).

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער אֱמֶת; עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַייט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעפִירְט, אַז מֶען פְלֶעגְט אַרַיינְקוּמֶען צוּ אִים, אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען מִיטְן פָּנִים צוּם וַואנְט, אוּן יֶעדֶער הָאט גֶעזָאגְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּעֶן פוּן אַלְץ קִינְד בִּיז יֶעצְט, [וַוייל דוּרֶעכְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט זַאכְן וָואס עֶר הָאט שׁוֹין לַאנְג פַארְגֶעסְן].

בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי הֶענְט אוּן גֶעוִויזְן: שׁוֹין גֶענוּג. נָאכְדֶעם אִיז דֶער צְוֵוייטֶער אַדוּרֶעךְ, אוּן אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַלֶעס אוֹיס פַארְצֵיילְן מִיט אַ גֶעוֵויין, בִּיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוּנְקֶען: גֶענוּג. אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט מֶער, אַמָאל וֵוייניגֶער, דָאס אִיז דִי 'וִידוּי דְבָרִים' וָואס וֶוערְט דֶערְמַאנְט אִין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ד. וַוייל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ וִוי שֶׁקֶר אוּן אוֹיסְנַארְן וְכוּ', נָאר אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען מִיט אַן אֱמֶת.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן גְרוֹיסְן גָאוֹן אוּן לַמְדָן דֶער בַּעַל כּוֹכָב מִיַעֲקֹב זַצַ"ל, טַאטֶע פוּנֶעם גְרוֹיסְן גָאוֹן דֶער טְשֶׁעבִּינֶער רָב זַצַ"ל פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי אַייזִיקְ'ל זִידִיטְשׁוֹיבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם זִיךְ גֶעגַאנְגֶען גֶעזֶעגֶענֶען, אוּן וִוייבַּאלְד רֶבִּי יַעֲקֹב זַצַ"ל אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְּן אַ בֶּענְקְל צוּ זִיצְן, עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעקוּקְט וִוי דֶער עוֹלָם גֵייט אַדוּרֶעךְ, יֶעדֶער בֶּעהְט זַיין בַּקָשָׁה פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אוּן רֶבִּי אַייזִיקְ'ל זִידִיטְשׁוֹיבֶער וואוּנְטְשְׁט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם מִיטְן זֶעלְבְּן נוּסַח: "אַ בְּרָכָה פוּן הִימְל"; וִוי בַּאוואוּסְט פְלֶעגְט עֶר אַלְץ אָנְוואוּנְטְשֶׁען מִיט דִי וֶוערְטֶער: "אַ בְּרָכָה פוּן הִימְל".

הָאט עֶר זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, אוּן מְהַרְהֵר גֶעוֶוען: "גְלַייךְ וֶוען אֵיינֶער אִיז עֶפֶּעס מַזְכִּיר, וֵוייסְט עֶר שׁוֹין אַלֶעס וָואס יֶענֶער גֵייט אַדוּרֶעךְ, אוּן עֶר וואוּנְטְשְׁט שׁוֹין אַ בְּרָכָה פוּן הִימְל"?! וִוי נָאר עֶר טְרַאכְט דָאס אַזוֹי צוּ זִיךְ, גֶעט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַ דְרֵיי אוֹיס, אוּן רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִים: "אוּן וָואס אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס חַזַ"ל זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יח ע"א): **וְכֻלָּן נִסְקָרִין בִּסְקִירָה אַחַת**, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט אַלֶעס אוֹיף אֵיין מָאל"?! הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז עֶר כַאפְּט אוֹיף זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת אוֹיךְ, הָאט עֶר שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען אַז צַדִיקִים זֶעעֶן אוּן וֵוייסְן אַלֶעס.

(קונטרס "אשטארקע אמונה")



# דעם רבינ'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 32

**פארזעצונג פון פריער:** צוּלִיבּ דִי גְרוֹיסֶע פְּחָדִים אוּן אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ וָואס הָאט דָארְט גֶעהֶערְשְׁט, הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעקוּקְט אִין וֶועלְכֶע שִׁיף עֶר גֵייט אַרַיין, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ סְ'גֶעפוּנְט זִיךְ דֶער שִׁיף וואוּ זֵיי הָאבְּן בַּאשְׁטֶעלְט דִי בִּילֶעטְן, אוּן עֶר אִיז בְּלוֹיז אַרַיינְגֶעלָאפְן אִין עֶפֶּעס אַ שִׁיף, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דֶער שִׁיפְל וֶועט אִים צוּטְרָאגְן צוּ דִי מִלְחָמָה שִׁיף.

...

וֶוען דֶער קְלֵיין שִׁיפְל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן מִלְחָמָה שִׁיף, הָאבְּן דִי אַרַאבֶּער זֵיי אַרַיינְגֶענוּמֶען אוּן זֵיי צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַ שְׁטוּבּ, אוּן פַאר ר' יִצְחָק הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן אַן אָנְגֶעלָאדְנְטְן רֶעוָואלְוֶוער. זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט פְרֶעגְן וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי שְׁפְּרַאךְ, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט גָארְנִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן אָדֶער טְרִינְקֶען אוֹיפְ'ן שִׁיף.

נָאךְ אַ צְוֵויי דְרֵיי שָׁעָה אִין דִי נַאכְט, הָאבְּן זֵיי פַארְמַאכְט דִי טִיר פוּן זֵייעֶר צִימֶער, אוּן זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן.

אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעלִיגְן דָארְט אִין בֶּעט, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְשְׁלָאפְן פוּן גְרוֹיס צַעַר אוּן פַּחַד. נָאךְ אַ שָׁעָה צְוֵויי הָאט אֵיינֶער גֶעעֶפֶנְט זֵייעֶר טִיר אוּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט אוֹיף רוּסִישׁ, "וָואס טוּט אִיר דָא? דָאס אִיז דָאךְ אַ מִלְחָמָה שִׁיף, אוּן אִיר וֶועט דָא פַארְלוֹירְן וֶוערְן חַס וְשָׁלוֹם, אִיר זֶעט דָאךְ אַז דֶער שִׁיף אִיז אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט אָנְגֶעלָאדְנְטֶע קַאנָאנֶען".

זֵיי הָאבְּן זִיךְ שְׁנֶעל אוֹיפְגֶעכַאפְּט, אוּן גֶעכַאפְּט יֶענֶעם בַּיי זַיין פֶּעלְץ, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען וֶוער יֶענֶער אִיז, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל זֵיי הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם שִׁיף אוּן צוּרִיקְגֵיין צוּם בָּארְטְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעזֶען אַז אוֹיפְ'ן שִׁיף הָאבְּן זֵיי שְׁוַואכֶע שַׁאנְסְן אִיבֶּערְצוּלֶעבְּן, עֶס זֶענֶען גֶעפְלוֹיגְן קוֹילְן נָאנְט צוּם שִׁיף, הָאבְּן זֵיי גֶעקְלֶערְט אַז אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי סַיי ווִי שְׁטַארְבְּן זָאלְן זֵיי כָאטְשׁ בְּלַייבְּן בַּאעֶרְדִיגְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זֵיי אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז זֵיי מוּזְן אִים גֶעבְן פַאר דֶעם אַפָּאר טָאלֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט גֵיין רֶעדְן דֶערְוֶועגְן מִיטְ'ן קַאפִּיטַאן.

דֶערְוַוייל אִיז ר' יִצְחָק גֶעגַאנְגֶען צוּם קֶעסְטְל אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי פָּאר טָאלֶער, עֶר הָאט זִיךְ פַארְזוֹימְט אַבִּיסְל, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַלֵיין גֶעגַאנְגֶען צוּם קַאפִּיטַאן, אוּן אִים גֶעוָואלְט גֶעבְן דָאס גֶעלְט, מֵיינֶענְדִיג אַז יֶענֶער מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין גֶערֶעדְט מִיטְ'ן קַאפִּיטַאן וֶועגְן זֵיי.

דֶער קַאפִּיטַאן הָאט אָבֶּער בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן וָואס עֶר הָאט צוּ זָאגְן, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים מִיט קוֹלֵי קוֹלוֹת.

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶערֶעדְט צוּ זֵיי אִין רוּסִישׁ, זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט אוּן גֶעזוּכְט אָבֶּער הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן קַיין אֵיין מֶענְטְשׁ אוֹיף שִׁיף וָואס קֶען רוּסִישׁ, אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען נָאר אַרַאבֶּער.



**א אלט געמאלן בילד פון א מלחמה שיף**

עֶס הָאט זֵיי אָנְגֶעכַאפְּט אַ גֶעפֶערְלִיכֶע פַּחַד, יֶעצְט הָאבְּן זֵיי שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְשְׁטֵיין וואוּ זֵיי גֶעפוּנֶען זִיךְ, זֵיי זֶענֶען אוֹיף אַ קְרִיגְ'ס שִׁיף אִינְמִיטְן אַ מִלְחָמָה, וָואס דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סַכָּנָה, זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעצִיטֶערְט אַז זֵיי הָאבְּן אֲפִילוּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפְּלֵייגְן אִין בֶּעט.

לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען זֵיי קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן וֶוער סְ'אִיז גֶעוֶוען דֶער יֶענִיגֶער וָואס הָאט גֶערֶעדְט צוּ זֵיי אוֹיף רוּסִישׁ, אוּן זֵיי גֶעלָאזְט ווִיסְן אַז זֵיי גֶעפוּנֶען זִיךְ אוֹיף אַ מִלְחָמָה שִׁיף.

אִינְדֶערְפְרִי זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אוֹיפְ'ן שִׁיף דִי גְרֶענִיץ וֶועכְטֶער. דֶער רֶבִּי מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק הָאבְּן גֶעוָואלְט נָאכְאַמָאל קוּמֶען צוּם קַאפִּיטַאן אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים עֶר זָאל זֵיי לָאזְן צוּרִיק גֵיין אוֹיפְ'ן הַאפְן, אָבֶּער דֶערְוַוייל הָאט מֶען שׁוֹין אַרוֹיפְגֶעשְׁלֶעפְּט דִי אַנְקֶערְס, אוּן דִי שִׁיף הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְשְׁווִימֶען שְׁנֶעל צוּ וֶועלְכֶע זַייט דִי ווִינְט טְרָאגְט זֵיי, וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי מִלְחָמָה וָואס הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן.



א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## שבת אחרי ב' אינדערפרי תשפ"ב

**מ. ש. ש. פארציילט:** שכח אייבערשטער נאך אסאך בעטן דעם אייבערשטן האב איך זוכה געווען מיטצוהאלטן 'לעבעדיג' א סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, שבת קודש אינדערפרי פרשת אחרי (ארץ ישראל פרשת קדושים).

איך וועל פרובירן צו אפשרייבן אפאר שיינע שיחות וואס איך האב זוכה געווען צו הערן.

### אויפהענגען די מאנטלען

אנקומענדיג צו דער ראש ישיבה'ס הויז האבן די קינדער נישט געהעריג אויפגעהאנגען די מאנטלען, האט דער ראש ישיבה געזאגט זייער שטרענג: "הייבטס אויף די מאנטלען, וואס איז דאס אז מעןווארפט אראפ די מאנטלען אויף דער ערד?" עס איז געווען אינטערעסאנט צו זען אז דער ראש ישיבה איז איין מינוט שטרענג און די נעקסטע מינוט מיט א גרויסן שמייכל, ווייל ווען מען איז אריין אין שטוב האט דער ראש ישיבה געזאגט הויך און פריילך גוט שבת! גוט שבת!"

### אויפגעווישט די אויסגעגאסענע גרעיפ דשוס

דער ראש ישיבה האט געווארט ביז אלעס איז געווען גרייט און ערשט דעמאלטס געמאכט קידוש. נאך קידוש ביים טיילן די גרעיפ דשוס האט איינער פון די קינדער זיך געשפילט מיט די גלעזלעך און עס האט זיך אויסגעגאסן אביסל גרעיפ דשוס, און דער ראש ישיבה האט עס אליין אויפגעווישט.

### א שעה צופיס צו הערן סיפורי מעשיות

דערנאך איז מען זיך געגאנגען וואשן. דער ראש ישיבה האט קודם געוואשן די קינדער און זיי ארויסגעהאלפן מאכן די ברכה. ביי המוציא האט דער ראש ישיבה געברענגט א מצה פאר לחם משנה אבער למעשה האט זיך עס צובראכן, האט מען געברענגט נאך א חלה און יעדער האט געמאכט לחם משנה צוזאמען. דער ראש ישיבה האט געהייסן איינער פון די עלטערע אינגלעך העלפן אריינברענגען די פיש, און דער ראש ישיבה מיט די קינדער האבן געזינגען פריילכערהייט "לכבוד שבת קודש!"

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ס'איז דא איינער וואס קומט יעדע וואך שבת צופרי' בערך א שעה צופיס פון מאנהעטן צו קומען הערן סיפורי מעשיות, און גייט נאכדעם צוריק. (ווען איך האב עס געהערט האב איך געכאפט א שאקל אז איך זיץ דא גרינגערהייט און איך קען כסדר הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, בשעת אנדערע געבן אוועק שעות צו קענען הערן אפאר ווערטער פונעם ראש ישיבה שליט"א.)

### עסן מיט דרך ארץ

אינמיטן האט זיך אויסגעגאסן טאמעטע דיפ אויפן טישטוך, האט איינער פון די קינדער געוואלט איינטינקען די חלה אין דעם און אזוי עסן, און אינאיינוועגס וועט זיך עס אויפווישן. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "עס איז נישט קיין דרך ארץ אזוי צו עסן, אויב דו ווילסט, נעם א לעפל און לייג עס צוריק אריין אין די טעלער, און וויש אפ די טיש".

דער ראש ישיבה האט גענומען א שטיקל געפילטע פיש, ארויפגעלייגט אויף א גאפל און גערופן איינער פון די עלטערע קינדער און אים געהייסן עפענען זיין מויל און אריינעמען די שטיקל פיש. אויך די אנדערע קינדער וואס גלייכן נישט געפילטע פיש האט דער ראש ישיבה געהייסן עסן און עס אראפשלינגען. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו די געסט: "עטץ זעטס? אז די קינדער ווילן נישט עסן דארף מען זיי געבן א שטיקל, אזוי דארף מען פיטערן".

<<<<

## א באטע אינדערפרי פארן דאווענען

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו זיין ווייב אז די קינדער האבן געדאווענט זייער שיין אין שול. דערנאך האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט אז יעדער זאגט אז דער ראש ישיבה'ס קינדער זענען עפעס זייער זיס, אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט אז היינט צופרי' פארן דאווענען איז געווען א באטע אין בית המדרש, און דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן א נייע שיעור אין זוהר הקדוש מיט צוויי פון די קינדער. דער ראש ישיבה האט געזאגט זיי זאלן זאגן שיינע שטיקלעך וואס מען האט געלערנט, אויך האט מען געהערט דאס וואס אין זוהר שרייבט אין פרשת נשא זייער שטארק וועגן די פרויען זאלן צודעקן די קאפ, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ס'איז דא א פלאץ אין זוהר וואו מען זעט אז מען דארף זיך שערן די האר.

איינע פון די קינדער האבן געזאגט אז היינט צופרי ביי די באטע איז געווען גוטע נאש, אויך פאר די יונגערע קינדער וואס האבן געזאגט תהילים איז געווען נאש, קעיק און קענדיס, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז עס איז געווען מאש לייג א פתח אינטער די 'מ' מאש. האבן די קינדער געפרעגט וואס? נאש אדער מאש? האט דער ראש ישיבה געזאגט עס איז געווען מאש-ניות = משניות.

אויך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז אחרי 'מות שני' איז די אותיות משניות.

## דארפסט כבוד? נעם לעבער

מען האט געזינגען אסדר לסעודתא און חי' השם. דער ראש ישיבה האט געהייסן פאר זיין זון שמעון נרו יאיר ער זאל העלפן ארויסטראגן די טעלערס און דער ראש ישיבה האט ארויפגעשיקט גרעיפ דשוס מיט סעלצער פאר זיין ווייב.

מען האט אריינגעברענגט אייער און אויך יונגע צוויבל. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז סתם צוויבל זאגט דער רבי' מען זאל נישט עסן ווייל עס איז סם אבער יונגע צוויבל קען מען עסן.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינער פון די קינדער: דארפסט כבוד? נעם 'לעבער', לעבער זאגט מען אין לשון קודש 'כבד'.

## א שותף אין די ביזנעס

דער ראש ישיבה האט פארציילט: "איך האב אזוי' הנאה געהאט צו הערן פון איינער פון אנשי שלומינו וואס האט א ביזנעס מיט אסאך ארבעטערס, ער האט נישט קיין אפיס, נישט קיין סייט מענידשער, און נישט קיין סעקרעטערי.

מענטשן פרעגן אים כסדר ווי אזוי מאכסטו דאס? ווי אזוי קענסטו האלטן קאפ אויף אלעס? אבער ער וויל נישט זאגן. צומאל ווען מענטשן מוטשענען אים, "זאג מיך באמת ווי אזוי מאכסטו עס?" ענטפערט ער אז ער האט א שותף, ווען זיי פרעגן יענעם ווער איז דיין שותף דרייט ער זיך ווייטער ארויס פון זיי, ביז ווען מען מוטשעט יענעם זאגט ער: "דער אייבערשטער איז מיין שותף, איך שמועס זיך אויס מיט אים וואס איך דארף". און מענטשן ווערן איבערגענומען און זיי זאגן אים "נאר מיט דיך וויל איך מאכן ביזנעס".

## א מעשה פון הפצה

דער ראש ישיבה האט מיר געפרעגט צו איך גיי הפצה, אויב איך האב מעשיות פון הפצה, האב איך זיך אנגערופן: "מיין ברידער זאגט מיר אז עס מוז זיין דער ראש ישיבה איז א בקי אין ספר 'עץ חיים', ווייל די דרשות און די בריוו האבן אזא זיסקייט אז עס מוז זיין שטילערהייט לערנט דער ראש ישיבה כתבי האריז"ל". האט דער ראש ישיבה געזאגט דאס וואס דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן שס"ה): מענטשן זאגן אז אין מיינע ספרים קען מען טרעפן אפאר שטיקלעך פון עץ חיים, אבער די אמת איז אז מען קען נישט פארשטיין עץ חיים נאר אויב מען לערנט די רבי'ס ספרים.

דער ראש ישיבה האט דערציילט: פאר איך בין מקורב געווארן האב איך געהאט א שיעור אין עץ חיים, יעדן שבת צופרי' איז מיר א אינגערמאן געקומען אויפוועקן פארטאגס, איך בין געגאנגען אין מקוה און צוריקגעקומען לערנען, און נאכדעם אנגעטון דעם טלית און געגאנגען אין שול.

## ווערטלעך ביי די סעודה

דער ראש ישיבה האט פארציילט א ווערטל: "עס איז אמאל געווען א איד פון ארץ ישראל וואס ער איז געווען דא אין אמעריקע, איינמאל האט ער זיך אריינגעזעצט אין א טעקסי און זיך אנגערופן צום

<<<<

טעקסי דרייווער 'פאר'. דער דרייווער האט געמיינט אז ער זאגט די נומער 4, אז ער וויל נאר צאלן פיר דאלער, האט ער אים צוריקגעענטפערט 5 פיי"ף. האט דער איד געזאגט 'פאר', און דער דרייווער זאגט 'פייף' אזוי איז געווען אהין און צוריק 'פאר' - 'פייף', ביז דער איד האט זיך צושריגן 'פייף וויפיל דו ווילסט אבער פאר שוין'!

אויך האט מען פארציילט אז אמאל איז געווען א שמש אין א שול וואס האט נישט געקענט זאגן קיין מ', אנשטאט דעם האט ער געזאגט א ו'. איינמאל האט ער אויסגערופן, 'ווזל טוב, ווזל טוב. ווענדל וואשקאוויטש האט געהאט א ווידלי'!

אזויך אויך נאך אפאר ווערטלעך האט מען פארציילט ביי די סעודה, עס איז געווען זייער פרייליך און געשמאק.

### א חידה

אינמיטן האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער גייט מאכן א חידה. דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינער פון די קינדער 'וואס מאכסטו?' האט ער געענטפערט ברוך השם. נאכדעם האט דער ראש ישיבה געפרעגט פון א צווייטן האט יענער אויך געענטפערט ברוך השם. אזוי האט דער ראש ישיבה געפרעגט יעדעם איינעם און יעדער האט געענטפערט ברוך השם - געלויבט דער אייבערשטער. האט דער ראש ישיבה געזאגט: יעצט גיי ארויס אינדרויסן און פרעג איינעם 'וואס מאכסטו?' וועט ער ענטפערן 'גארנישט' אדער אין בעסטן פאל וועט ער ענטפערן 'גוט'.

די קינדער האבן געוואלט מאכן נאך ווערטלעך און חידות, אבער דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די חידה איז די בעסטע חידה.

### מיטן אייבערשטנ'ס הילף

דער ראש ישיבה האט פארציילט: "פרייטאג האב איך גערעדט צו איינעם פון אנשי שלומינו וואס וואוינט אין ברסלב'ע שטעטל וואס האט א גרויסע קאמפעני, ער העלפט מיר זייער אסאך, און יעדע זאך וואס ער האט געזאגט איז געווען 'מיטן אייבערשטנ'ס הילף', 'איך וועל דאס ענדיגן אם ירצה השם', 'כ'וועל מאכן דא אלעס מיטן אייבערשטנ'ס הילף', 'עס וועט אריינקומען געלט נאר מיטן אייבערשטנ'ס הילף', און אזוי ווייטער יעדע זאך.

דאס האט מיר זייער געפאלן ווייל ווען מענטשן רעדן 'איך גיי מאכן' 'איך גיי טון' אן מזכיר זיין שם שמים איז מען אין א גרויסע סכנה".

### נישט קוקן אויף א גוי

עס האט געשמעקט אביסל פון פייער, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מסתמא מאכן די גוים דא נעבן א גריל, איז איינער פון די קינדער געגאנגען קוקן. האט דער ראש ישיבה אים שנעל געררופן און זייער שטרענג געזאגט אז מען טאר נישט קוקן אויף א גוי ווייל די אויגן קען ארויספאלן.

### ביי ענק ווינט מען אויך?

איינער פון די קינדער האט געוויינט אז ער דארף גרעיפ דשוס, דער ראש ישיבה האט געפרעגט איינער פון די געסט "ביי ענק ווינט מען אויך?" האט ער געענטפערט אז יא. האט דער ראש ישיבה געזאגט "אה, איך האב געמיינט אז נאר ביי אונז קען מען זיך נישט אן עצה געבן מיט די קינדער".

### בלייבן ביים טיש ווען מען זינגט זמירות

איינער פון די גרויסע קינדער זענען געגאנגען שפילן בשעת מען האט געזינגען, האט דער ראש ישיבה געפרעגט "ביסט א קליין קינד? גייסט זיך שפילן, דו בלייבסט נישט ביים זינגען?"

### פון יעצט

מען האט אריינגעברענגט אייסעס האט דער ראש ישיבה געזאגט אז נאר ווער עס איז געזיצן די גאנצע צייט ביים טיש קען באקומען, אבער צום סוף האט מען געגעבן פאר יעדעם איינעם ווייל פון יעצט און ווייטער גייען זיי שוין זיצן ביים טיש.

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אז ס'איז שוין שפעט, מען גייט שוין כמעט דאווענען מנחה, מען דארף שוין בענטשן.

### בענטשן אין א בענטשער

מען האט געבענטשט און דער ראש ישיבה האט געוויזן פאר זיינע קינדער אז מען זאל בענטשן אינעווייניג אין א בענטשער. עס איז מיר געווען אינטערסאנט צו זעהן ווי נאכן בענטשן האט דער ראש ישיבה געהאלפן אפרוימען און אוועקלייגן די עסן. דערנאך האט מיך דער ראש ישיבה געגריסט א פרייליכע גוט שבת!

קהל היכל הקודש
קרית ברסלב

# שטאטישע הילף

אזוי ווי די שטעטל ווערט נאר גרעסער מיט נאך משפחות בלי עין הרע, עם קומט צו יעדע פאר וואכן א פרישע משפחה, אבער נישט אלע זענען באקאנט וויאזוי מען קען האבן די סערוויסעם וואס די שטאט געבט פאר משפחות וואס קענען נישט צאלן זייער עלעקטער, זייער רענט, אדער העלט אינשורענס וכדומה.

לכבוד דעם האט די הנהלה געשטעלט האברך מו"ה מרדכי אהרן הײלפרין הי"ו וואס ער וועט זיין גרייט צו העלפן אלע איינוואוינער מיט די שטאטישע סערוויסעם, צום ביישפיל העלט אינשורענס, פוד סטעמפס, סעקשאן 8, הילף מיט צאלן די עלעקטאר ביל, און אזוי ווייטער.

החותם בשם הנהלת הקריה

**אברהם משה שטראססער**

181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 • kiryasbreslevliberty@gmail.com • 845-640-4024

# קלאסיפייד

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244

יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

ראובן בירנבוים – 347-549-5625

---

*K B Management*

For all your property and landscaping needs

Call Shlome Yokobowitz

**718-306-2448**

---

Electrolysis, Tinting, Waxing

Please call

N. A. Appeldorfer

845-537-9681

---

## HURLEYVILLE LEASING

AUTO SALES & LEASING



- Luxury all inclusive Auto Broker
- Prices reduced below dealer invoiced rates
- Free expedited pickup and delivery nationwide
- Specializing in hard-to-locate cars
- Lowest rate insurance services included
- Most competitive prices with no hidden fees!

845-720-0041 | www.hurleyvilleleasing.com

Sales@hurleyvilleleasing.com

---

## Catskill Messenger Service

**מיר טראגן פעקלעך טעגליך**

קעטסקילס, בלומינגבורג, קרית יואל און מאנסי.

און צוריק ביינאכט

מאנסי, קרית יואל, בלומינגבורג, קעטסקילס, און קרית ברסלב ליבערטי.

פרובירט צו רופן א נאכט בעפאר

**ברוך אפעלדארפער**

914-705-9524

---

I Lost a diamond ring by Shabbos Hisvades, if you found it please call

**917-202-7965**

---

Royal Family Shoes Loch Sheldrake seeking assistant in the store to help with our customers (women/ girls).

Ready to train

Very positive environment

Call 845-659-0724

---

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה

**347-578-4449**

# קלאסיפייד

ברסלב
שטיצט ברסלב

## KB Seamstress

*Professional Finish    Bast Prices*

*Have your job done in 1 week*

*Special expedite service! have your job done in 2 business days for double price*

*All prices are given after job is done*

*Chassunah dresses not accepted*

*For your convenience we have in stock some basic accessories*

*Drop off your bag at my door any time with your name, phone number and information I need to know*

Looking forward to serve you

Mrs. Weberman - 136 Hsuchke Rd - 845-662-4083

**דירות פאר שבועות אין שטעטל**

**צו איינשטיין אין שטעטל פאר יום טוב שבועות הבא עלינו לטובה**

**ביטע רופן משפחת מזרחי**
**845-774-2426**

**מיר פארשפרייטן אלע גליונות וואס קומען ארויס וועכנטליך דורך קהילת היכל הקודש אין אלע היימישע געגענטער, די זכות איז גאר גרויס.**

**צו נעמען א חלק ביטע רופט יענקי פיש**
**917-474-6118**

## KB Shuttle

Shuttle hour pick up

10:00,10:45,11:30,12:15,1:00,1:45,2:30

Starting this week order the shuttle by texting our NEW SHUTTLE line 845-206-9114 until 5 minutes before the route

Text your pick up address, drop off location and desired route

If you are planning a group trip out of shtetl or cheider call the manager to schedule
845-720-0847

Text manager to sign up to the shuttle group for more updates and important information



# קינדער אָפּטיילונג

## ליידן און שווייגן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד אוּן מַיין מַאמֶע פְּלֶעגְט מִיר אוֹיסְקֶעמֶען מַיינֶע הָאר הָאט עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי גֶעטוּן אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט שְׁרֵייעֶן ״אָהּ!!!״ אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דֶעמָאלְט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט וֵוייטָאגְן אִין לֶעבְּן, מֶען דַארְף דָאס אָנְנֶעמֶען אוּן נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, נָאר וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אִיז פַאר דִי גוּטְס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.




דער קליינער נחמן שרייט נישט

טייערע קינדער, וואס נעמען מיר ארויס פון די מעשה? אז מיר זאלן זיך אונטערגעבן צום אייבערשטן, און אז עס פאסירט זאכן וואס עס טוט וויי זאל מען זיך נישט אפרעדן און קרעכצן, נאר גיין צום אייבערשטן און אים בעטן.

מיר לערנען פון דעם קיינמאל נישט צו קרעכצן פאר מענטשן נאר צום אייבערשטן; לאמיר זינגען אינאיינעם: ״הייליגער באשעפער קוק צו מיין צער, הייליגער באשעפער רחמנות׳דיגער האר, הייליגער באשעפער קוק צו מיין צער, הייליגער באשעפער רחמנות׳דיגער האר, קוק ווי איך וויין, איך האלט עס נישט אויס, איך בעט דיר ווייז מיר די וועג ארויס, קוק ווי איך וויין, איך האלט עס נישט אויס, איך בעט דיר ווייז מיר די וועג ארויס.

# טרעף

## די פאלגנדע ווערטער

## 18 מאל

# יום טוב שבועות

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| י | ו | מ | ט | ו | ב | ש | ב | ו | ע | ו | ת | ז | ת | י | י | ת | ש | א | ז | ז | כ | ר | ז | ה | ת | ע | מ | י | ד |
| י | ו | מ | ט | ו | ב | ש | ב | ו | ע | ו | ת | ו | ע | ו | ב | ש | ב | ו | ט | מ | ו | י | ג | ו | ס | ק | ד | ו | ל |
| ז | ו | ז | ה | ז | ל | ת | נ | ז | י | ג | ס | ר | ת | י | ע | ר | ר | ע | ז | כ | ע | מ | ע | כ | ט | ה | פ | מ | ד |
| ת | ד | מ | ד | פ | י | מ | נ | י | ו | מ | ט | ו | ב | ש | ב | ו | ע | ו | ת | ג | ע | ו | ק | ז | ט | ד | ב | ט | כ |
| ר | י | ת | ט | ל | פ | פ | ל | מ | ז | מ | ע | נ | ל | י | ר | ת | ב | ז | מ | ב | ב | ד | מ | ג | א | ד | נ | ו | ע |
| ד | ו | ו | ע | ו | ה | ק | צ | ע | ח | ו | צ | ז | ו | י | ו | ג | ת | ש | י | ש | צ | ש | ח | ב | ג | נ | ר | ב | ח |
| ו | מ | י | נ | י | ב | א | ז | כ | ב | צ | ט | מ | ע | ע | ו | ו | ה | ו | ב | י | מ | ק | א | ע | ב | ג | נ | ש | מ |
| א | ט | ט | ו | ח | ל | ש | א | ש | ה | ה | ט | י | ו | ה | ע | מ | מ | ו | ע | ו | א | מ | ק | ח | ל | ע | ט | ב | ז |
| י | ו | מ | ט | ו | ב | ש | ב | ו | ע | ו | ת | ב | ת | ו | ת | ט | ט | ק | ו | ו | ט | ל | ה | ה | ה | ק | ש | ו | כ |
| ה | ב | פ | ס | ג | ז | ו | ר | ו | ב | ס | ש | ע | ב | א | ו | מ | ב | ו | א | י | ב | מ | ב | צ | כ | כ | ס | ע | י |
| ל | ש | נ | מ | ת | ט | ס | מ | ש | ע | ב | ש | ש | י | ב | ו | ע | ז | ב | ב | ב | ז | ש | ו | פ | ג | ש | ל | ו | ט |
| ע | ב | ל | ח | מ | כ | ט | ב | ת | ו | ו | ב | כ | ש | י | ק | ג | ת | מ | י | ש | ח | ש | ב | י | ב | ק | ק | ת | צ |
| ד | ו | פ | ו | ו | צ | ו | ז | ט | ס | ו | ת | ב | צ | מ | נ | א | ב | ר | ו | ק | ב | נ | ת | ו | ק | ק | ג | ק | מ |
| ב | ע | י | ד | ל | ע | ז | מ | י | ט | י | ו | מ | ט | ו | ב | ש | ב | ו | ע | ו | ת | ו | ו | כ | ט | ב | ר | פ | ג |
| ק | ו | ק | ו | ו | מ | ו | כ | מ | ע | ע | ש | ע | ק | ה | ל | ק | ד | נ | מ | א | פ | ז | ע | ע | צ | מ | כ | ב | ז |
| ע | ת | ד | ת | ל | י | א | ו | ר | ו | ג | כ | י | ו | מ | ט | ו | ב | ש | ב | ו | ע | ו | ת | ו | מ | מ | ו | ו | א |
| א | מ | ר | ל | ז | פ | י | א | ת | ק | נ | ג | ט | י | ז | נ | ל | ר | ה | פ | א | ס | ד | ב | א | ת | מ | מ | י | י |



העלף
נחמן
נתן
אנקומען
צו יום
טוב
שבועות






# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | | 3 | | | 6 |
| | | | 4 | | |
| | 6 | | | | 1 |
| 5 | | | | | |
| | 3 | 4 | | 5 | |
| 1 | | | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | 2 | 4 | | 9 | 7 | | |
| 5 | | | | | | | | 2 |
| 6 | 7 | | 2 | | 8 | | 1 | 4 |
| 8 | | 4 | | 7 | | 1 | | 3 |
| | | 1 | 8 | | 3 | 2 | | |
| 3 | | 6 | | 9 | | 4 | | 8 |
| 9 | 1 | | 5 | | 4 | | 3 | 6 |
| 4 | | | | | | | | 1 |
| | | 3 | 9 | | 1 | 5 | | |




# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**כד.** עַל יְדֵי אֱמֶת נִשְׁמָר אוֹת בְּרִית.

**טייטש.** דוּרְךְ אֱמֶת וֶוערְט אָפְּגֶעהִיטְן דֶער אוֹת בְּרִית.



# חידות אפטיילונג

איינמאל יום טוב שבועות ווען רבי נתן האט ארויס גענומען דעם ספר תורה פון ארון הקודש האט ער זיך מורא'דיג צופלאמט און אנגעפאנגען צו טאנצן:

א. אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו

ב. א נייע תורה! א נייע תורה!

ג. דאנקן גאט אז מיר זענען אידן

ד. מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: שיסן ל"ג בעומר מיט א פייל און בויגן איז א סגולה פאר

ענטפער: קינדער

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**אברהם אלימלך עגמי נ"י - קרית יואל**
שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת אמור?

## פון אויבן אראפ.

2. גיי נישט אין קיין _____ מיט קיינעם
3. _____ געבט כח אנצוגיין אין לעבן
4. מען טאר נישט _____ ביים דאווענען, נאר אזוי קען זיין הצלחה
5. עס איז א גרויסע מצוה _____ צו מאכן אין שטוב
6. וואויל איז דער וואס מאכט זיך א _____, ער קוקט וואס האב איך אין די האנט?
8. מיר דארפן זיך זייער _____ אז מיר זענען מקורב צו אזא רבי
9. זיי נישט דערשראקן פון די _____, אזוי גייט עס ביי אלע פרישע מקורבים
10. עס איז א גרויסע _____ פרייליך צו מאכן אין שטוב
11. דו ביסט נישט אליין, ווען דיין הארץ וויינט, וויינט דער _____ מיט דיר
13. א ציון פון א צדיק איז די בעסטע _____, מען פרישט זיך אויף
14. פיר זיך מיט די גרעסטע מאס דרך ארץ צו אייערע _____

## פון רעכטס צו לינקס.

1. נעם די עצה פון רבי'ן, גיי יעדן טאג _____
7. דער יצר הרע נעמט _____ זאכן און מאכט עס פאר אן עיקר
8. דער רבי האט אונז געלערנט אז מען _____ הייבט מען זיך אויף
9. האסט _____ קענסטו געבן צדקה, אבער חס וחלילה בארגן געלט
12. עבודת החינוך איז א _____עבודה
15. נאר מיט _____ וועסטו מצליח זיין
16. עלטערן דארפן בעטן אן א שיעור דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו _____ _____
17. א שווער און שוויגער דארף מען מכבד זיין אזוי ווי _____ און מאמע
18. מאך זיך א _____ אין הייליגן רבינ'ס ספרים



# ענטפערס פון פאריגע וואך



## ווער זענען זיי?

### פון רעכטס צו לינקס

1. אהרן לונגער
2. נחמן שמואל שטרוהל
3. יצחק לעווי
4. משה פארקאש
5. אברהם פיש
6. לייבי אפפעל
7. סענדי ראטה
8. אהרן ריכטער
9. משה ראזענבערג
10. פנחס לונגער
11. נחמן נתן בוים
12. הערשי בוים (יבנאל)
13. יוסף שניטצלער
14. שלום יצחק מאסרי
15. אברהם טיקאלסקי

16. יואל זייאד
17. אברהם רוטנער
18. הערשי בוים
19. בנציון טאמלין
20. שלמה לעווי
21. נפתלי בוים
22. עזרא שרייבער
23. אלימלך ווייזער
24. אהרן פיש
25. מרדכי הערצאג
26. שבתי מארקוס
14. שמואל גליקמאן
15. אשר לעווי
16. ליפא ראזענפעלד
17. ישראל מנחם ראזענבערג

18. יודי פריינד
19. נחמן נתן קרויס
20. משה יחיאל פעלדמאן
21. יעקב יוסף לונגער
22. שמואל דוד ברוין
23. משה אירגאס
24. ברוך יאקאבאוויטש
25. גדלי׳ דוד בלום
26. מנחם מענדל שימשאוויטש
27. אברהם יושע וועבערמאן
28. אייזיק ראטה
29. הערשי שניטצלער

# ווער זענען זיי?

## ישיבה תפארת התורה וויליאמסבורג
## בנשיאות הראש ישיבה שליט"א
## תשס"ט



### שיקט אריין די ענטפער צום רעדאקציע

די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם בלעטל פון פרשת בחוקותי



# בילדער
## אפטיילונג




קידוש פון א קינד ביי המלמד ר' יחזקאל סאמעט הי"ו



תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל ביים גיין אויף א אויספלוג אין בלומינגראוו פארק



וואכנט נאכט פון הילד נחמן נתן בן ר' יוסף שניטצלער הי"ו - זונטאג אמור תשפ"ב



ברית פון הילד נחמן נתן בן ר' יוסף שניטצלער הי"ו - מאנטאג אמור תשפ"ב



אין א שמועס מיט די חשובע יידעס נאכן ברית



אין א שמועס פון שחיטה מיט'ן מוהל, דער ראש ישיבה שליט"א, דער דיין שליט"א, און די חשובע שוחטים



# בילדער
## אפטיילונג



א שפאציר מיט די קינדער - ב׳ אמור תשפ״ב



א שפאציר מיט די קינדער - ב׳ אמור תשפ״ב



עצתו אמונה פארברענג אין היכל הקודש העיס - ג׳ אמור



א שמועס מיט די רעדאקציע פונעם בלעטל - ב׳ אמור



רעגנט קאמפיין טיילט אויס צעטלער אויסצופילן א
קוויטל וואס דער ראש ישיבה וועט מיטנעמען אין א״י




תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים עיר הקודש בייס
לערנען פונעם נייעם ביכל ״מעשה׳לעך פאר קינדערלעך

# בילדער
## אפטיילונג




**מען ציהט זיך אריבער צום נייעם בית הדפוס נעבן שטעטל - א' בהר תשפ"ב**



ביים ארויסטראגן די באקסעס פאפיר פונעם ערשטן בנין אין שטעטל, צום נייעם בנין בגלילות פון די שטעטל.



מען שלעפט ארויס א גרויסע פרינטינג מאשין



ביים ארויפלייגן אויפ'ן טראק די שענק פון בית הדפוס



די בית הדפוס אין שטעטל שוין כמעט אויסגעליידיגט



די מאשינען ביים אנגעקומען מיט'ן טראק צום נייעם בנין



אלע מאשינען אויסגעלייגט אינעם נייעם בית הדפוס